Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

תמוז תשס״ד/יולי 2004

יאָר 9, נומער 5 (45)

# אויף די שפּורן[1] פֿון ייִדישע קינסטלער אין פּאַריז

דעם 16טן מײַ האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער אָרגאַניזירט צום ערשטן מאָל אַ „שפּאַציר־פֿאַרמעסט“[2].

אַ „שפּאַציר־פֿאַרמעסט“ איז אַ שפּיל אין וועלכער מענטשן קלײַבן זיך צונויף, צעטיילן זיך אין גרופּעס און פּרוּוון געפֿינען אינפֿאָרמאַציעס וועגן אַ באַשטימטער טעמע. יעדער איינער קריגט אַ פֿרעגבויגן[3] אויסצופֿילן און די גרופּעס דאַרפֿן אַרומגיין אין אַ געוויסער געגנט און זוכן די ענטפֿערס.

יענעם זונטיק איז די טעמע געווען „אויף די שפּורן פֿון ייִדישע קינסטלער אין פּאַריז“. די אָרגאַניזאַטאָרשע פֿונעם שפּאַציר איז געווען אַ מיטאַרבעטערין פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, פֿאַני באַרבאַרע. 44 באַטייליקטע[4], גרויסע און קליינע, האָבן אויסשפּאַצירט די גאַסן, געסלעך און פּלעצער פֿון מאָנפּאַרנאַס, אַ געגנט וווּ אַ סך ייִדישע קינסטלער האָבן געלעבט, געאַרבעט, פֿאַרברענגט, געלאַכט און געוויינט. פֿון „לאַ ריש“[5] ביזן קאַפֿע „לע דאָם“[6] האָט דער שפּאַציר געדויערט אַן ערך[7] דרײַ שעה[8].

דער שפּאַציר איז געבויט געוואָרן אַרום דעם לעבן און די זכרונות[9] פֿון יצחק דאָברינסקי (1973-1891), אַ מאָלער פֿון דער „עקאָל דע פּאַרי“[10], וואָס האָט געוווינט לאַנגע יאָרן אין „לאַ ריש“ און וואָס זײַנע פֿרײַנד האָבן געהייסן שאַגאַל, מאָדיליאַני, סוטין, מאַן רע, זאַדקין, קיסלינג, פּאַסקין...

פֿון איין פּונקט ביז אַ צווייטן האָבן די אָנטייל־נעמער[11] געדאַרפֿט אויפֿזוכן שפּורן און לייזן רעטענישן[12]. צום סוף[13] זענען זיי אָנגעקומען אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער, וווּ זיי האָבן געקענט זיך אויסהעלפֿן מיט די ביכער פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, צו געפֿינען די ענטפֿערס וואָס זיי האָבן נישט געפֿונען אין די גאַסן און מוזייען פֿון מאָנפּאַרנאַס. עטלעכע האָבן זיך אַפֿילו באַניצט מיט אינטערנעץ.

עס האָט אויף זיי נאָך געוואַרט אַ לעצטע אויפֿגאַבע[14] : יעדע גרופּע האָט געדאַרפֿט קאָפּירן אַ שטיקל פֿון אַ בילד וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט געזען. ווען מען האָט אַלע שטיקלעך צונויפֿגעשטעלט האָט זיך באַקומען אַ בילד פֿון דאָברינסקי, און מע האָט געקענט עס פֿאַרגלײַכן[15] מיטן אָריגינאַל.

דער שפּאַציר־פֿאַרמעסט האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּרײַז – דעם „גאָלדענעם בייגל“ – און מיט אַ גלאָז ווײַן און ייִדישע מאכלים[16] פֿאַר אַלעמען. די אָנטייל־נעמער און אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך געזעגנט מידע אָבער צופֿרידענע.



אָנטייל־נעמער אינעם „שפּאַציר־פֿאַרמעסט“ זוכן אין די געסלעך פֿון מאָנפּאַרנאַס... און אין דער מעדעם־ביבליאָטעק
פֿאָטאָס : פֿאַני באַרבאַרע





1. traces 2. rallye pédestre/ «walking competition»(organized like an intellectual «treasure hunt») 3. questionnaire 4. participants 5. La Ruche, célèbre résidence d'artistes des années 20-30/artists' residence of the 1920s and 30s 6. Le Dôme, un des grands cafés de Montparnasse/one of the intellectual cafés of the period 7. ... EREKh environ/about 8. sho heures/hours 9. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 10. Ecole de Paris, courant artistique du début du 20ème siècle, composé d'artistes immigrés, comprenant de nombreux Juifs/artistic school of the early 20th century, composed of immigrants, including many Jews 11. participants 12. résoudre des énigmes/solve riddles 13. ... SOF enfin/finally 14. tâche/task 15. comparer/compare 16. MAYKHOLIM mets/treats.

# דער דערציילער פֿון ווילנע

**דער ייִדישער שרײַבער אַבֿרהם[1] קאַרפּינאָוויטש האָט לאַנגע יאָרן געשריבן מעשׂיות[2] וועגן זײַן אַלטער היים, ווילנע. דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן האָט ער אָבער פֿאַרברענגט אין ישׂראל[3], ווּ ער איז הײַיאָר געשטאָרבן דעם 22סטן מאַרץ אין עלטער פֿון 91 יאָר.**

די שטאָט ווילנע פֿאַרנעמט אַ גאָר באַזונדער אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אויך אינעם ייִדישן קולטור־לעבן אין אַלגעמיין. מיטן שם[4] פֿון דעם ווילנער גאָון[5] און די באַרימטע פֿאַרלאַגן[6] און ביבליאָטעקן, איז ווילנע זייער פֿרי געוואָרן אַ צענטראַלער פּונקט פֿון ייִדישן וויסן, אי רעליגיעז אי וועלטלעך[7]. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן די גרויסע ייִדישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג „בונד“ אין 1897 ; דאָרטן איז געווען טעטיק[8] דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ)[9] און דאָרטן האָבן געלעבט און געשאַפֿן פֿיל ייִדישע שרײַבערס, ווי אַבֿרהם סוצקעווער, חיים[10] גראַדע און שמערקע קאַטשערגינסקי פֿון דער גרופּע „יונג ווילנע“ אין די דרײַסיקער יאָרן.

צוויי שרײַבער זײַנען אויף אייביק פֿאַרבונדן מיט דער שטאָט ווילנע : חיים גראַדע און אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש. גראַדע שילדערט[11] די ווילנע פֿון פֿרומקייט און אינטעליגענץ : דער שולהויף[12] מיט די למדנים[13] און ישיבֿה־בחורים[14]. קאַרפּינאָוויטש, פֿאַרקערט, באַשרײַבט דער עיקר[15] די ווילנער אונטערוועלט, די ווילדע יונגען[16], גנבֿים[17] און גאַסן־מיידלעך פֿון די קליינע געסעלעך און דורכהויפֿן[18].

אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין אַן אָנגעזעענער משפּחה[19]. זײַן טאַטע איז געווען אַ באַקאַנטער טעאַטער־דירעקטאָר און די קינדער זײַנען אויפֿגעוואַקסן אין די קרײַזן פֿון ייִדישן טעאַטער. איין שוועסטער זײַנע איז געווען אַן אַקטריסע. ער אַליין האָט געלערנט אין דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע, ווּ איינער פֿון זײַנע לערערס איז געווען דער באַרימטער שרײַבער משה[20] קולבאַק.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה[21] איז אויסגעבראָכן איז קאַרפּינאָוויטש אַוועק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[22]. אין 1944 איז ער צוריקגעקומען אין ווילנע אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר האָט ער באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין ארץ־ישׂראל[23]. ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין 1947, נאָר זײַן שיף איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער בריטישער מאַנדאַטמאַכט[24] און ער איז געבליבן צוויי יאָר אין אַן אינטערנירונג־לאַגער אין ציפּערן[25]. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן וועגן די מענטשן אינעם לאַגער. שוין אין מדינת־ישׂראל[26] האָט ער ווײַטער געשריבן וועגן די אימיגראַנטן אין נײַעם לאַנד און געדרוקט זײַנע דערציילונגען אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן, ווי *די גאָלדענע קייט* און *לעצטע נײַעס*. זײַן ערשט בוך, אַ זאַמלונג פֿון זײַנע ישׂראל־דערציילונגען, איז אַרויס אין 1959, מיטן טיטל *דער וועג קיין סדום*[27]. נאָך דעם האָט ער זיך גענומען שרײַבן וועגן דעם ייִדישן לעבן אין דער פֿאַרמלחמהדיקער[28] ווילנע. זײַן צווייט בוך

[סוף זײַט 8]



**אַ געסל אין ווילנע** © D.R.

**אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש מיט מענדי כהן אויפֿן זומערקורס אין ווילנע, 2003. פֿאָטאָ : ג. טויב**



1. AVROM 2. MAYSES histoires/stories ; *sing.* מעשׂה MAYSE 3. YISROEL Israël 4. SHEM réputation 5. … GOEN Eliyah ben Solomon Zalman (1720-1797), célèbre talmudiste/famous talmudist 6. maisons d'édition/publishers 7. laïque/secular 8. actif/active 9. YIVO Institute for Jewish Research 10. KHAIM 11. décrit/describes 12. la cour de la synagogue/the synagogue courtyard 13. LAMDONIM געלערנטע 14. YESHIVE-BOKHERIM étudiants de yeshiva/yeshiva students 15. … IKER surtout/mainly 16. voyous/«bad boys» 17. GANOVIM voleurs/thieves 18. ruelles, passages/lanes, alleyways 19. … MISHPOKHE famille éminente/distinguished family 20. MOYSHE 21. MILKHOME guerre/war 22. URSS/USSR 23. ERETS-YISROEL Terre d'Israël/land of Israel 24. autorités du mandat britannique/British mandate authorities 25. Chypre/Cyprus 26. MEDINES-YISROEL Etat d'Israël/State of Israel 27. SDOM Sodome/Sodom 28. FARMILKHO'MEDIKER d'avant-guerre/pre-war

# דער שולהויף

*אַ פֿראַגמענט פֿון אַ דערציילונג פֿון אַבֿרהם[1] קאַרפּינאָוויטש, „דער שולהויף“[2], (פֿון דעם באַנד* אויף ווילנער וועגן, *1987). איך באַשרײַבנדיק דעם שולהויף, רעדט ער וועגן דער אונטערוועלט.*

... מיר האָבן געוווינט אויפֿן שולהויף, אַקעגנאיבער סטראַשונס ביבליאָטעק[3], ניט ווײַט פֿון אײַזערנעם טויער. מײַן מאַמע איז געוועזן שיינדל פֿון דער טשײַנע[4]. אין פֿאָרהויז איז געשטאַנען אַ סאַגאַן[5] מיט הייסע וואַסער. פֿון דעם האָט מען געצויגן די פּרנסה[6]. צו אונדז פֿלעגן קומען טרינקען טיי ווו נאָר[7] אַ שלעפּער[8], אַ גייער איבער די הײַזער[9], אַלע משוגעים[10]. ווער עס האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען[11], האָט באַקומען, אויסער טיי, אַ לאַדישעק זויערמילך[12] מיט עטלעכע בולבעס אין פּעלצן[13]. אַמערסטן האָבן געטרונקען טיי די משוגעים. ניט קיין וווּנדער. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אַרומגעלאָפֿן מיט די צינגער אַרויס. דער סאַמע גלאַוונער[14] איז געווען איסערסאָן. פֿון וואָס ער איז אַראָפּ פֿון די רעלסן[15] האָט מען גענוי ניט געוווּסט. אַ מאָל האָט ער געהאַט אַ שוכקראָם[16] אויף רודניצקער גאַס. זײַן ווײַב איז געקומען צו בעטלברויט[17], האָט זי דערציילט מײַן מאַמען, אַז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז איסערסאָן אַראָפּגעשפּרונגען פֿון געלעגער אין די הוילע גאַטקעס[18] און זיך צעקרייעט ווי אַ גאַלאַגאַנסקער האָן[19]. דערנאָך האָט ער געהאַלטן אַ רעדע, אַז אין געשעפֿט זענען געבליבן בלויז די לינקע שיך. די רעכטע זענען אַוועק קיין ארץ־ישׂראל[20]. פֿון דעם האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז משוגע געוואָרן, ווײַל אַ קלאָרער ייִד דרשנט[21] ניט אָן הויזן. אין שפּיטאָל, אויף אַנטאָקאָל, האָט מען געזען אַז ער איז ניט קיין בוינער[22] משוגענער, ער רעדט נאָר פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער[23], האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. ער איז געבליבן אויפֿן שולהויף. די ווײַב האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיט אַ קולעהיי[24] און ביידע זענען אַוועק שנאָרען[25] אין ווײַטערע שטעט.

[...]

*דער שרײַבער רעדט*
*ווײַטער וועגן די אַנדערע*
*משוגעים וואָס האָבן*
*געלעבט אויפֿן שולהויף.*
*נאָך דעם גייט ער*
*אַריבער צו דער טעמע גנבֿה[26] און גנבֿים[27].*

אין איין שיינעם פֿרימאָרגן האָט מען אויף דער וואַנט פֿון דער מאַלאַרסקער קלויז[28] געפֿונען אויפֿגעהאַנגען אַזאַ מודעה[29]:

„צו אַלע אָרנטלעכע[30] גנבֿים!
נעכטן האָט מען בעת[31] דעם ברית[32] בײַ נאָנקען די קורצע הענטל אַוועקגעשלעפּט בײַ מיר, זרחן דעם מוהל[33], אַלע געצײַג[34], ווען איך האָב זיך אָפּגעקערט אויף אַ רגע[35] אויסטרינקען אַ גלעזל. בעט איך מע זאָל מיר אַלץ צוריקברענגען, אַניט וועל איך אַ מכּה מל זײַן[36] קינדער פֿון די בלאַטע[37].
מיט דאַנק פֿאָרויס
און יישר כּוח[38]
זרח דער מוהל“

אין אַ טאָג אַרום האָט מען אים אונטערגעוואָרפֿן זײַן רענצל[39]. ס'האָט קיין ברעקל[40] ניט געפֿעלט.



דער ווילנער שולהויף

© D.R.






1. AVROM 2. cour de la synagogue/synagogue courtyard 3. די גרעסטע ייִדישע ביבליאָטעק אין ווילנע, געגרינדעט פֿון דער פֿאַמיליע סטראַשון אין 1892. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זי פֿאַרמאָגט איבער 35 000 ביכער. 4. salon de thé/tea house 5. אַן אײַזערנער טאָפּ 6. PARNOSE gagne-pain/livelihood 7. tous les.../every single... 8. vagabond 9. mendiant/beggar 10. MESHUGOIM fous/madmen *de/from* משוגע MESHUGE fou/mad, crazy 11. se permettre/afford 12. petit pot de lait caillé/small jug of sourmilk 13. pommes de terre en robe des champs/potatoes in their skins 14. le plus en vue/the «number one» 15. il a déraillé/went off his rocker 16. magasin de chaussures/ shoe shop 17. en a été réduit à demander la charité/had to go begging 18. en simple caleçon/in only his underwear 19. comme un vrai coq/like a real rooster 20. ERETS-YISROEL Terre d'Israël/Land of Israel 21. DARSHNT ... ne prêche pas/doesn't hold forth 22. véritable/genuine 23. parle de tout et de rien/babbles endlessly 24. boiteux/cripple 25. mendier/beg 26. GNEYVE vol/thievery 27. GANOVIM voleurs/thieves *pl. de/of* גנבֿ GANEF 28. maison de prière/prayer house 29. MOYDOE annonce/announcement 30. honorables/honorable 31. BEYS pendant/during 32. BRIS circoncision/ circumcision 33. ZEREKH ... MOYEL Zérah le circonciseur/Zerach the circumciser 34. outils/tools 35. REGE instant 36. ... MAKE MAL ... rater la circoncision/botch the circumcisions 37. la pègre/the crooks 38. YASHER KOYEKH reconnaissance/gratitude 39. sacoche/satchel 40. petit bout/tiny bit.

# אליהס זון[1]

**אַ נײַער פֿילם פֿון אַרגענטינע, וועגן אַ ייִדישער משפּחה[2] אין בוענאָס־אײַרעס – גערעדט אויף שפּאַניש, נאָר געזונגען (כאָטש[3] אַ ביסל) אויף ייִדיש !**

וואָס טוט אַ ייִנגל אַן אייניקל פֿון פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן אימיגרירט אין אַרגענטינע, ווען ער וויל דער גאַנצער משפּחה דערגיין די יאָרן[4] ? ער גרייט זיך אָנצונעמען די פּוילישע בירגערשאַפֿט[5]. אַזוי טוט אליהס זון, אַריאל[6]. דער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ישׂראל[7] ווען דער זון איז נאָך געווען אַ זייגקינד[8], פֿאַרלאָזנדיק די מאַמע מיט צוויי ייִנגעלעך און אַ פֿרויען־אונטערוועש־געוועלב[9]. דאָס געוועלב געפֿינט זיך אין אַ געשעפֿטן־גאַלעריע וואָס זי איז אויך אַ פּאָרטרעטן־גאַלעריע. די גאַלעריע איז אַ היימישער „שמעלצטאָפּ"[10] וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די פֿאַרשיידנקייט פֿון די בוענאָס־אײַרעסער אײַנוווינערס : אַ גרויסע איטאַליענישע משפּחה, אַ יונג פּאָרפֿאַלק פֿון קאָרעע, פֿאַרשיידענע ייִדישע טיפּן. יעדער איינער האָט זיך זײַן געשיכטע, אַחוץ[11] אָסוואַלדאָ, אַ ייִד פֿון אַ יאָר 60, וואָס אים איז קיין מאָל גאָרנישט געשען אין זײַן לעבן.

אליהס זון ווייסט צו ווייניק וועגן דעם טאַטנס אַוועקפֿאָרן. צווישן די צוויי־דרײַ זאַכן וואָס ער האָט יאָ געהערט וועגן אליהן – אַ שטייגער[12] אַז ער איז אַוועק אין ישׂראל צוליב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה[13] – איז דאָ אויך אַ מעשׂה[14] וואָס מע דערציילט אים כּסדר[15], אַ נישטיקער[16] אַנעקדאָט : אַ מאָל האָט דער טאַטע אין אַ רעסטאָראַן צעבראָכן אַ סלוי[17] אומפֿרישן מאַיאָנעז ! דער טאַטע – אַ העלד אַזאַ ! פֿאַר וואָס דערמאָנען אַזוינע אומוויכטיקע זאַכן וועגן מענטשן וואָס זענען




פֿאַרשוווּנדן פֿון אונדזער לעבן ? וואָס באַהאַלט מען אויס פֿאַר אליהס זון ? פֿאַר וואָס הייסט נאָך אַלץ היינט צו טאָג דאָס געוועלב „בײַ אליהן" ? פֿאַר וואָס איז אליה נישט צוריק ?

די פֿראַגעס לאָזן נישט אָפּ דעם יונגן מאַן : ער וועט נישט אויפֿהערן צו זײַן אליהס זון און נישט אָנהייבן צו ווערן אַריאל ביז ער וועט עס זיך נישט דערוויסן. אים דאַכט זיך[18] אַז נאָר זײַן ברודער איז נאָרמאַל אין דער משפּחה. „פֿאַראַן[19] אַזעלכע וואָס זענען נאָרמאַל, ענטפֿערט דער ברודער, און אַנדערע וואָס זוכן דעם אמת"[20]. און דער אמת איז אַז אַלע אַרום אים זאָגן ליגנס : די צוויי בעלי־בתּים[21] פֿונעם געוועלב „לעווין ברידער" וואָס זענען אין דער אמתן קוזינען,

די שיינע ריטאַ, אַריאלס מעטרעסע, סאָניאַ זײַן מאַמע און אַפֿילו[22] ער אַליין... אויך די באָבע זאָגט ניט דעם גאַנצן אמת. זי איז זייער אַ זאַפֿטיקע געשטאַלט, געשפּילט פֿון דער באַרימטער אַרגענטינער זינגערין ראָסיטאַ לאָנדנער, און זי זינגט פֿאַר אַריאלן (און פֿאַר אונדז) אַ פּאָר שיינע ייִדישע לידער.

מיינט נישט אַז מיר וועלן אײַך אויסזאָגן דעם סוף[23]. זײַט נאָר וויסן אַז די מעשׂה מיטן מאַיאָנעז האָט יאָ אַ באַטײַט : דער טאַטע איז אַ מענטש אַזאַ וואָס הייסט נישט צוריקנעמען דעם טוכלען[24] מאַיאָנעז נאָר צעברעכט גלײַך דעם סלוי. וועגן אַזאַ מענטש זאָגט מען אַז ער גיסט אַרויס דאָס קינד מיטן וואַסער... און זײַט וויסן אַז אָסוואַלדאָ זאָגט אויך ליגנס.

אַלע זאָגן ליגנס נאָר נישט דער רעזשיסאָר[25], וואָס באַשרײַבט זײַנע העלדן מיט שאַרפֿזיניקייט און הומאָר. אַ פּאָר שטאַרקע בילדער ברענגען צונויף חלום[26] און רעאַליזם : דער מאַן דאָרטן אויפֿן עקראַן אין מיטן עולם[27], צי איז ער דער טאַטע צי אַן אויסדוכטעניש[28] ? צי קומט די עמאָציע טאַקע פֿונעם זען דעם טאַטן, אָדער דאָס זען דעם טאַטן קומט צו אַריאלן פֿון דער עמאָציע ? און פֿאַר וואָס הייבן זיי אָן צו לויפֿן ? צי אַנטלויפֿט דער זון פֿונעם טאַטן ? צי לויפֿט דער טאַטע נאָכן זון ? אָדער לויפֿן זיי ביידע צוזאַמען נאָך זייערע חלומות, נאָך דער פֿאַרלוירענער צײַט און ליבשאַפֿט ?

1. ELYES … *Le Fils d'Elias* (*El abrazo partido*), 2003, Argentina, dir. Daniel Burman 2. MISHPOKHE famille/family 3. au moins/at least 4. contrarier/exasperate 5. citoyenneté/citizenship 6. ARIEL 7. YISROEL 8. nourrisson/infant 9. boutique de lingerie féminine/ladies lingerie shop 10. melting pot 11. AKHU'TS sauf/except 12. par exemple/for example 13. MILKHOME guerre/war 14. MAYSE histoire/story 15. KESEYDER tout le temps/constantly 16. dérisoire/pointless 17. bocal/jar 18. il lui semble/it seems to him 19. il y a/there are 20. EMES vérité/truth 21. BALEBATIM patrons/owners 22. AFILE même/even 23. SOF fin/end 24. rance/rancid 25. réalisateur/director 26. KHOLEM rêve/dream ; *plur.* חלומות KHALOYMES 27. OYLEM foule/crowd 28. fantasme/fantasy

## גרויסע נײַעס מיט גרינגע ווערטער (פֿאַר אָנהייבערס)

# חתן־חתן מזל־טובֿ[1] !

טײַערע אָנהייבערס, שרעקט אײַך ניט : דער דאָזיקער טעקסט איז ניט פֿול מיט העברעיִזמען ! די ווערטער פֿונעם טיטל זײַנען אָבער אַ נייטיקער אויסדרוק[2] וואָס איר וועט זיך יאָ דאַרפֿן אויסלערנען. דעם 5טן יוני 2004 אין אַ קליין שטעטל אין דרום[3]־פֿראַנקרײַך האָט דער בירגערמײַסטער[4] געפּראַוועט[5] צום ערשטן מאָל אין פֿראַנקרײַך אַ חתונה[6] צווישן צוויי מענער. די חתונה איז פֿאָרגעקומען אין ראָטהויז[7] פֿונעם שטעטל בעגל[8] און דאָס פּאָרפֿאָלק[9] האָט זיך געשווירן[10] קעגנזײַטיקע[11] הילף און ליבע פֿאַר דעם בירגערמײַסטער נאָעל מאַמער[12], אַן אָנפֿירער פֿון דער עקאָלאָגיסטישער פּאַרטיי. איידער עס איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג האָט מען אַ פּאָר וואָכן דיסקוטירט אויב ער מעג עס טאָן צי ער טאָר ניט. אין זײַן אייגענער פּאַרטיי זענען אויך נישט אַלע געווען אײַנשטימיק[13]. הייסט עס אַז דעם „גרינעם“ בירגערמײַסטער איז די זאַך אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם[14] ! צום סוף[15] האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום[16] באַשטימט אַז ער טאָר ניט. אַזוי ווי ער האָט ניט געפֿאָלגט דעם באַשלוס[17], האָט מען אים אָפּגעשטעלט פֿון זײַן אַמט[18] אַ גאַנצן חודש[19]. איצט דאַרף דאָס געריכט[20] באַשליסן צי די חתונה איז גילטיק[21] צי ניט. אָבער זײַט זיכער אַז באַלד וועט איר דאַרפֿן זיך אויסלערנען נאָך אַ נײַעם אויסדרוק : כּלה־כּלה מזל־טובֿ !

1. KHOSN-KHOSN MAZL-TOV «Félicitations au marié et au marié» (référence à la célèbre chanson de mariage חתן־כּלה מזל־טובֿ KHOSN-KALE MAZL-TOV «Félicitations au marié et à la mariée»/ «Congratulations to the groom and groom» (reference to the famous wedding song חתן־כּלה מזל־טובֿ KHOSN-KALE MAZL-TOV «Congratulations to the bride and groom» 2. expression 3. DOREM sud/southern 4. maire/mayor 5. célébré/celebrated 6. KHA'SENE mariage/wedding 7. mairie/town hall 8. Bègles 9. couple 10. juré/swore 11. réciproque/mutual 12. Noël Mamère 13. unanimes/unanimous 14. lui a donné du fil à retordre/gave him quite a headache 15. … SOF finalement/in the end 16. ministère de l'Intérieur/Interior Ministry 17. décision 18. suspendu de ses fonctions/suspended from his post 19. KHOYDESH mois/month 20. tribunal/court 21. valide/valid.



## אַ שפּיל פֿאַר אָנהייבערס

## שפּריכווערטער[1]־שפּיל

דער קאָמפּיוטער האָט (נאָך אַ מאָל) צעמישט די שורות[2] און די שפּריכווערטער האָבן פֿאַרלאָרן דעם זינען[3]. געפֿין פֿאַר יעדן אָנהייב דעם פּאַסיקן סוף[4].

1. ווײַט פֿון די אויגן – א. און ווייניק ברכות[5].
2. זאָרג[6] און יאָר – ב. זענען דער שפּיגל פֿון דער נשמה[7].
3. אַנדערע צײַטן – ג. נאָר ניט אַרויסטרײַבן[8] דעם דלות[9].
4. אַ סך מלאָכות[10] – ד. מאַכן גרוי די האָר.
5. דער שלאָף – ה. וואַשט די צווייטע.
6. איין האַנט – ו. איז דער בעסטער דאָקטער.
7. דער דאָקטער קען אַלץ – ז. אַ געזונטן גיט מען.
8. אַ קראַנקן פֿרעגט מען – ח. אַנדערע לײַטן[11].
9. די אויגן – ט. ווײַט פֿון האַרצן.



[ענטפֿער זײַט 8]

1. proverbes/proverbs 2. SHURES lignes/lines 3. sens/meaning 4. … SOF fin appropriée/suitable end 5. BROKHES bénédictions/blessings 6. soucis/worry 7. NESHOME âme/soul 8. chasser/drive out 9. DALES pauvreté/poverty 10. MELOKHES métiers/trades 11. מענטשן.

# סקולפּטור דריקט אויס דעם ווייטיק פֿון די אַרגענטינער ייִדן

בוענאָס־אײַרעס (ייִט״אַ)[1]. די קינסטלערין מירטאַ קופּפֿערמינץ איז געווען אין דער היים יענעם אינדערפֿרי, דעם 18טן יולי 1994, ווען זי האָט דערהערט דעם אויפֿרײַס[2], וואָס האָט חרובֿ געמאַכט[3] דעם בנין[4] פֿון דער קהילה[5] פֿון בוענאָס־אײַרעס – די גרעסטע ייִדישע אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע. 85 מענטשן זענען דערהרגעט[6] געוואָרן, און הונדערטער פֿאַרוווּנדעט.

איצט, אַז עס דערנענטערט זיך דער 10טער יאָרצײַט[7] פֿונעם ערגסטן טעראָריסטישן אַטאַק אין גאַנץ דרום[8]־אַמעריקע, איז קופּפֿערמינצעס דענקמאָל, לזכּרון[9] די קרבנות[10], געוואָרן אין אַרגענטינע די שאַרפֿסטע דערמאָנונג אין יענעם טראַגישן טאָג.

קופּפֿערמינצעס סקולפּטור, געמאַכט פֿון האָלץ און מירמלשטיין, געפֿינט זיך אינעם האַרץ פֿון בוענאָס־אײַרעס, אויפֿן פּלאַץ וואָס ווערט גערופֿן „יוסטיצפּלאַץ“, ווײַל ער שטייט פֿאַרן אַרגענטינער העכסטן געריכט.

[...]

אין אַן אינטערוויו מיט ייִט״אַ האָט קופּפֿערמינץ דערציילט, אַז ווען זי האָט געוווּנען אַ קונסטפּרײַז אין יאַפּאַן, און געפֿרעגט איינעם פֿון די ריכטער, פֿאַר וואָס מע האָט דווקא[11] זי אויסגעקליבן צווישן אַלע אַרגענטינער קינסטלער, האָט יענער געענטפֿערט : „מיר האָבן געהאַלטן, אַז אײַער ווערק דריקט אויס צום בעסטן דעם גײַסט פֿון אַרגענטינע ; ס'איז אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע ווערק.“

[...]

„איך וויל נישט מע זאָל מיך באַצייכענען ווי אַ ייִדישע פֿרוי וואָס מאָלט,“ האָט זי געזאָגט.



מירטאַ קופּפֿערמינץ לעבן איר דענקמאָל

„כ'וויל אַז אַלע, נישט בלויז ייִדן, זאָלן גערירט ווערן פֿון מײַן קונסט. אויב נישט – הייסט עס, איז עס נישט קיין קונסט.“

1. ייִדישע טעלעגראַפֿישע אַגענטור 2. explosion 3. KHOREV ... détruit/destroyed 4. BINYEN immeuble/building 5. KEHILE communauté/community (AMIA Asociacion Mutual Israelita Argentina) 6. DERHARGET tués/killed 7. anniversaire (d'une mort)/anniversery (of a death) 8. DOREM Sud/South 9. LEZIKORN à la mémoire/in memory 10. KORBONES victimes/victims 11. DAFKE justement/in fact.

# שווייץ[1] וועט לעגאַליזירן אַבסענט

זשענעווע. – דער שווייצער פּאַרלאַמענט האָט אָפּגעשטימט אָפּצושאַפֿן[2] דעם פֿאַרווער[3] אויף אַבסענט, דער לעגענדאַרער געווירץ־ליקער[4], וואָס האָט אָנגעהאַלטן 96 יאָר.

דאָס געטראַנק איז געוואָרן אומגעזעצלעך אין שווייץ אין יאָר 1908, ווען אַ פֿאַבריק־אַרבעטער האָט דערהרגעט[5] זײַן פֿרוי און זײַנע צוויי קינדער, נאָך דעם ווי ער האָט געטרונקען אַבסענט. אין 1981 האָט דער אייראָפּעיִשער פֿאַרבאַנד ווידער לעגאַליזירט די גרינע משקה[6] ; אָבער אין שווייץ, וואָס איז נישט קיין מיטגליד אינעם פֿאַרבאַנד, איז עס ביז איצט געבליבן אומלעגאַל.

פֿאַרגאַנגענעם מאַרץ האָט די שווייצער רעגירונג אָבער אַרויסגעגעבן אַ באַריכט[7], ווו עס ווערט געשריבן, אַז דער פֿאַרווער איז מער נישט באַרעכטיקט[8], ווײַל דער פּראָצענט פֿונעם געפֿערלעכן כעמישן שטאָף[9] וואָס געפֿינט זיך אין אַבסענט איז הײַנט שטאַרק רעגולירט.

אַבסענט פֿלעג געלויבט ווערן אין דער פּאָעזיע פֿון שאַרל באָדלער און אין די בילדער פֿון עדגאַר דעגאַ און פּאַבלאָ פּיקאַסאָ. פּראָ־לעגאַליזאַציע אַקטיוויסטן אין שווייץ האָבן שוין פֿון לאַנג געהאַלטן, אַז דאָס געטראַנק וועט ברענגען אַן עקאָנאָמישן פֿאַרדינסט דעם מערבֿדיקן ראַיאָן[10] פֿון לאַנד, וואָס ווערט פֿאַררעכנט[11] פֿאַרן געבוירן־אָרט פֿון דער משקה.



1. Suisse/Switzerland 2. abroger/repeal 3. interdiction/ban 4. liqueur à base de plantes/herb liqueur 5. DERHARGET tué/killed 6. MASHKE alcool (boisson)/liquor 7. rapport/report 8. justifié/justified 9. substance chimique/chemical substance 10. MA'YREVDIKN ... région occidentale/western part 11. considéré/considered.

# אייראָפּעיִשע וואַלן[1] : דער סוף[2] פֿון אַ חלום[3] ?

פֿון ק. מיכאלי (ענגלאַנד)



**א מיידעלע העלפֿט איר זיידן, בעת ער שטימט אין ווילנע.**

מיט די וואַלן צו דעם אייראָפּעיִשן פּאַרלאַמענט, וועלכע זײַנען צום ערשטן מאָל פֿאָרגעקומען גלײַכצײַטיק אין 25 לענדער־מיטגלידער[4] פֿון דעם אייראָפּעיִשן פֿאַראיין[5], האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע תּקופֿה[6] אין דער אייראָפּעיִשער געשיכטע. ערשט איצט איז די נײַע, אויסגעברייטערטע[7] אייראָפּע געוואָרן אַ פּאָליטישער יש[8]. אָבער די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן האָבן נישט געבראַכט קיין גרויסע גליקן פֿאַר די רעגירנדיקע פּאַרטייען אין די גרעסטע אייראָפּעיִשע לענדער.

דעם שטאַרקסטן קלאַפּ האָבן געקראָגן די לייבאָריסטן[9] אין ענגלאַנד. די אייראָפּעיִשע וואַלן זײַנען דאָ צונויפֿגעפֿאַלן מיט די וואַלן צו די לאָקאַלע ראַטן[10], און די לייבאָריסטישע פּאַרטיי האָט געליטן אַ שווערע מפּלה[11] סײַ דאָ און סײַ דאָרטן[12]. קיין איין רעגירנדיקע פּאַרטיי אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער בריטישער דעמאָקראַטיע איז נאָך ניט געפֿאַלן אַזוי נידעריק אויף די צווישן־וואַלן ווי די לייבאָריסטן אין 2004. די סיבות[13] דערפֿון זײַנען פֿאַרשידענע : די בריטישע באַפֿעלקערונג איז ניט צופֿרידן מיט טאָני בלערס פּאָליטיק אין איראַק בפֿרט[14], און מיט זײַן שטיצן אַמעריקע בכלל[15].

[...]

די „אייראָ־סקעפּטיקער" האָבן באַקומען אַ שטאַרקע שטיצע ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין די נײַע מיזרח[16]־אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט אין די אייראָפּעיִשע וואַלן, בפֿרט אין פּוילן, טשעכיע און סלאָוואַקײַ. דער אַלגעמיינער באַטייליקונג־ניוואָ אין די אייראָפּעיִשע וואַלן איז אין מיזרח־אייראָפּע געווען אַ סך נידעריקער ווי אין די „אַלטע" מערבֿ[17]־אייראָפּעיִשע לענדער. די מיזרח־אייראָפּעיִשע באַפֿעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּן[18] אינטערעס אין דער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק. מען קוקט פֿאָרויס אויף מאַטעריעלע געווינסן, וואָס מען האָפֿט צו באַקומען פֿון די רײַכע מערבֿדיקע שכנים[19], אָבער מען טראַכט ווייניק וועגן גרויסע פּאָליטישע ענינים[20].

אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און איטאַליע האָבן די רעגירנדיקע פּאַרטייען פֿאַרלוירן אין פֿאַרגלײַך מיט די פֿריִערדיקע וואַלן פֿון 1999.

די אייראָפּעיִשע וואַלן שאַפֿן אַ גוטע געלעגנהייט פֿאַר דער אָפּאָזיציע צו פֿאַרשאַרפֿן זייער קריטיק קעגן די רעגירונגען. אין תּוך גענומען[21], פֿאַרמאָגט די אייראָפּעיִשע באַפֿעלקערונג ניט קיין שטאַרקן אַחדות[22]־געפֿיל. עס זײַנען ניטאָ קיין פּאַן־אייראָפּעיִשע פּאַרטייען, וואָס זייער פּראָגראַם זאָל זײַן ניט באַגרענעצט[23] דורך נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אין די הויכע פֿענצטער[24] פֿון בערלין, פּאַריז און בריסל האַלט מען אין איין חלומען[25] וועגן אַ שטאַרקער פּאַן־אייראָפּעיִשער סופּער־מלוכה[26], אָבער דער אייראָפּעיִשער עמך[27] זאָרגט זיך, קודם־כּל[28], וועגן זייער אייגענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן און האָט דערווײַל אַ קנאַפּן צוטרוי צו דער פֿירערשאַפֿט אין בריסל.

1. élections 2. sof fin/end 3. kholem rêve/dream 4. pays membres/member nations 5. Union 6. tkufe époque/period 7. élargi/enlarged 8. yesh entité/entity 9. travaillistes/Labour Party 10. conseils/councils 11. mapole défaite/defeat 12. d'un côté comme de l'autre/in both the former and the latter 13. sibes raisons/reasons 14. bifra't en particulier/in particular 15. bikhla'l en général/in general 16. mizrekh de l'Est/Eastern 17. mayrev de l'Ouest/Western 18. peu de/little 19. shkheynim voisins/neighbors 20. inyonim affaires/matters 21. ... tokh ... essentiellement/basically 22. akhdes unité/unity 23. limité/limited 24. sphères dirigeantes/establishment 25. kho'lemen rêver/dreaming 26. melukhe Etat/state 27. amkho l'homme de la rue/the man in the street 28. koydem-kol tout d'abord/first of all.


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : .................................................... קרעדיט־קאַרטע־נומער : ....................................

אַדרעס : ........................................................... אויסגאַנג[4]־דאַטע : ........................................

...........................................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. yam-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# אַ בריוו פֿון לאָנדאָן

**כאָטש די ייִדיש־קרײַזן דאָ אין לאָנדאָן זענען אַ סך קלענער ווי אין פּאַריז, זענען לעצטנס בײַ אונדז פֿאָרגעקומען עטלעכע גאָר אינטערעסאַנטע אַקטיוויטעטן אַרום ייִדיש. איינע פֿון זיי איז געווען סוף[1] אַפּריל : דאָס איז געווען אַ מוזיקאַלישער ספּעקטאַקל וועגן דעם לעבן אינעם געוועזענעם ייִדישן „איסט־ענד“[2] פֿון לאָנדאָן.**

אויסגעשפּילט האָט דאָס אַ געניטע[3] קלאַרינעטיסטקע און אַקטריסע (ניירע עשווערט[4]) פֿאַר אַ גרויסן עקראַן, ווו מע האָט געוויזן אימאַזשן פֿונעם הײַנטיקן און אַמאָליקן ווײַטשעפּל[5]. דער ספּעקטאַקל, וואָס הייסט „שטענצל־מוזיק“ האָט אויך אַרײַנגענומען עטלעכע לידער פֿונעם ייִדישן דיכטער אַבֿרהם־נחום[6] שטענצל (1897-1983). ער האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין ווײַטשעפּל און אָנגעפֿירט מיטן לאָנדאָנער ייִדישן קולטור־לעבן. ער האָט געגרינדעט אַ גרופּע ייִדיש־ליבהאָבערס, „די פֿרײַנד פֿון ייִדיש“, וואָס קומען זיך נאָך אַלץ צונויף, אַיעדן שבת[7] נאָך מיטאָג, כּדי[8] צו לייענען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און צו זינגען ייִדישע לידער (כאָטש הײַנט צו טאָג איז די גרופּע אַ ביסל קלענער ווי אין שטענצלס צײַטן, ווען עס פֿלעגן קומען אַ הונדערט, צוויי הונדערט מענטשן אויף אַ „ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג“...).

אָנהייב מײַ זענען מיר טאַקע מיט אַ גאַנצער חבֿרה[9] פֿון די „פֿרײַנד פֿון ייִדיש“ געגאַנגען זען דעם ספּעקטאַקל. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָבן מיר געהאַט אַ פֿאָרלייענונג פֿון שטענצלס פּאָעזיע סײַ אויף ייִדיש סײַ אין אַ נײַער ענגלישער איבערזעצונג. צוזאַמען מיט מײַנעם אַ חבֿר, דעם ענגלישן פּאָעט סטיוון וואָטס[10], וואָס האָט אויך געהאַט אַ וויכטיקן אָנטייל אינעם „שטענצל־מוזיק“־פּראָיעקט, האַלט איך אין צוגרייטן אַ צווייִשפּראַכיקע אויסגאַבע פֿון שטענצלס געקליבענע לידער וואָס וועט, אם־ירצה־השם[11], אַרויס איבער אַ יאָר. ס'איז טאַקע שוין לאַנג צײַט אַז אַ גרעסערער עולם[12] זאָל זיך באַקענען מיט דער פּאָעזיע פֿון זייער אַן אינטערעסאַנטן, מערקווירדיקן דיכטער, וואָס איז ווייניק באַוווּסט מחוץ[13] די קליינטשיקע לאָנדאָנער ייִדיש־קרײַזן.

*חיקע ברוריה[14] וויגאַנד (לאָנדאָן)*

1. SOF fin/end 2. East End. אַ פֿערטל אין לאָנדאָן אימיגראַנטן־פֿערטל אין לאָנדאָן. 3. expérimentée/experienced 4. Neyire Ashworth 5. Whitechapel אַ פֿערטל אין לאָנדאָן ווו עס האָבן זיך באַזעצט אַ סך ייִדישע אימיגראַנטן סוף 19טן יאָרהונדערט. 6. AVROM-NOKHEM 7. SHABES samedi/Saturday 8. KEDE'Y afin de/in order to 9. KHEVRE groupe d'amis/group of friends (de/from חבֿר KHAVER ami/friend 10. Steven Watts 11. MI'RTSESHEM si Dieu le veut/God willing 12. OYLEM public 13. MIKHU'TS en dehors de/outside of 14. KHAYKE BRURYE.

8

[סוף פֿון זײַט 2]

**דערציילונגען, *בײַם ווילנער דורכהויף*, איז אַרויס אין 1967. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער פּובליקירט נאָך אַ פּאָר בענד מיט דערציילונגען אויף דער זעלביקער טעמע. ווי אַ פּרנסה־אַרבעט[29] איז ער געווען דער סעקרעטאַר פֿונעם ישׂראלדיקן פֿילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, נאָכגייענדיק אַזוי זײַן טאַטנס טעאַטראַלישע טראַדיציע. די ייִדישע גנבֿים און פּראָסטיטוטקעס פֿון קאַרפּינאָוויטשעס דערציילונגען זײַנען זאַפּטיקע געשטאַלטן, מיט אַזעלכע נעמען ווי לייקע די שוואַרצע, משה קראַסאַוועטשיק[30], צאַלקע דער פֿרײַער[31] און נאָטקע דער קאָטער[32]. כאָטש זיי זײַנען שנאָרערס און שלעפּערס, קעשעניקעס[33], מאַרוויכער[34], בלאַטע[35] און שטאַרקע[36], האָבן זיי פֿעסטע מאָראַלישע פּרינציפּן. זיי האַלטן אויף מיט שטאָלץ דעם שם פֿון זייער שטאָט : דאָס וואָס פּאַסט פֿאַר אַנדערע גנבֿים פּאַסט נישט פֿאַר „אונדז ווילנער“. די שפּראַך פֿון די דערציילונגען איז דער אמתער[37] ווילנער דיאַלעקט, פֿול מיט לאָקאַליזמען און מיטן לשון[38] פֿון דער דאָרטיקער אונטערוועלט. די העלדן באַשיטן זיך מיט אַזעלכע בילדערישע קללות[39] ווי : „מ'זאָל דיר אַרויסשרויפֿן[40] די פֿיס און אַרײַנשטעלן שוועבעלעך[41]“ אָדער „מ'זאָל נוצן דײַנע קישקעס אויף הענגען וועש“.**

**קאַרפּינאָוויטשעס מעשׂיות האָבן שטענדיק אויסגעדריקט זײַן בענקשאַפֿט צו דער היימשטאָט וועגן וועלכער ער זאָגט : „איך בין געשווומען אין ווילנע ווי אַ פֿיש אין דער ווילִיע[42]“.**

29. PARNOSE ... gagne-pain/livelihood 30. le beau/handsome 31. pigeon, poire/sucker 32. matou/tomcat 33. pickpockets 34. voleurs/thieves 35. délinquants/crooks 36. gros bras/toughs 37. E'MESER authentique/genuine 38. LOSHN langue/language 39. KLOLES malédictions/curses 40. dévisser/unscrew 41. allumettes/matches 42. rivière de Vilna/river of Vilna.

[ענטפֿער פֿון זײַט 5]

**שפּיל פֿאַר אָנהייבערס : 1. ט./ 2. ד./ 3. ח./ 4. א./ 5. ו./ 6. ה./ 7. ג./ 8. ז./ 9. ב.**




דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט איוועט, אַניק, גאָלדע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, פֿאַני, רובי.



DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com